

№ 232

# פ ר א ג ע - ב ו י ג ן.

1. פאמיליע און נאמען : מ א י ר ב ן - י ש י (גרינשפאן)
2. ליטעראַרישער פסעוודאנים: "מגן-צדק";ג.מאיר;דער גרינער;בי-ב
א י ד ע ס ע ס;
3. געבוירן אין יאר : 1 9 0 2 אין א ל י ק (וואלין)פוילין.
4. עולה געווען קיין ישראל: אין יאר 1 9 4 8.
5. אדרעס אין ישראל:רמת-גן.הראי"ה 27.ת.ד.2290.טלפון 730660
6. מיטארבעט אין זשורנאלן און טאג-צייטונגען:
איצט ישראל-צייטונג.
פריער:לעצטע ציַיטונג;אונדזער ווארט;היינט;
אין דייטשלאנד:אונדזער וועג;א היים;דאס ווארט;
אין פוילין:וואלינער לעבן;וואלינער נייעס;וואלינער צייטונג;זאגלעמביער
צייטונג;אונדזער עקספרעס און ה י י נ ט;
7. ארויסגעגעבענע ווערק: מיין שטעטל ק א ס ט א פ א ל.(אין לאטיינישער טראנס=
קריפציע)
אין מאנוסקריפט ליגן ביי מיר עטלעכע פיעסן,דערציילונגען און ראמאנען,
פון וועלכע איינער א.נ.אומקום און אויפקום איז שוין אפראבירט געווארן
דורך פריינט א.ליס צום דרוק אבער צוליב מאטעריעלע סיבות בין איך נישט
אומשטאנד געווען דאס דורכפירן אין לעבן.
איינע פון מיינע פיעסן:א חתונה אין ישראל איז געשפילט געווארן מיט
גרויס דערפאלג אין לאנדאן מיט פר"לאה שלאנגער אין דער הויפט ראל.
פארן קריג האבן מיינע ליעדער געזונגען און רעציטירט די ארטיסטן:
אסאוויצקי;פסח'קע בורשטיין;גאבאוויטש;הענרי גערא;דזשיגאן און שומאכער;
רחל האלצער;נארבערט האראוויץ;ווערטהיים;וויטלער;לילי ליליאנא;
חיה'לע לוקסעמבורג;חיה'לע שיפער;יאסעלע קאלאדני;יאסיף קאמיען;נאדיא
קארעני;ריטא קארפינאוויטש;קאלעשניקאוו און ליב שריפטזעצער;
זייענדיק א מיטגליד אין זאאיקס זענען מיינע 4 פיעסן פארקויפט געווארן
קיין אמעריקא,קרוס פאר'ן מלחמה אויסברוך דורך יאני וויינבערג.וואס פון זיי
איז געווארן ווייס איך ליידער נישט ביז'ן היינטיקן טאג.
8. אנגענומען אלס מיטגליד אין פאראיין: אין יאר 1 9 5 6.
9. קורצע ביאגראפיע: געבוירן געווארן אין אליק אין א באלעבאטישער משפחה.גע=
לערנט אין חדר,ישיבה,ביי פריוואטע לערער און אלס אויטאדידאקט;צו 15 יאר
אנגעהויבן שרייבן; מיין ערשטע פיעסע:"דעם באשערטער זיווג"איז געשפילט גע=
ווארן דורך דעם דארטיקן דראמאטישן קרייז.געגרינדעט א סניף פון צעירי ציון
די ערשטע ביבליאטעק א.נ.פון ד"ר שלענאוו געווען טעטיק אין דזשאינט און
אנדערע ציוניסטישע אנשטאלטן;אין 1921 חתונה געהאט קיין קאסטאפאל.געפירט א
ביטע-שריפטן ביורא;געווען סעקרעטאר פון דער קהלה,סוחרים פארבאנד און האנ=
טווערקער פאראיין;דעביוטירט אין 1926 אין די וואלינער צייטונגען,שפעטער
אין זאגלעמביער צייטונג,און אין היינט;געשריבן לידער,פון וועלכע אסאך
זענען געזונגען געווארן דורך די אויבענדערמאנטע ארטיסטן.
אנקומענדיק קיין ישראל געארבעט אלס מלוכה באאמטער איצט אויף פענסיע;
מיטגליד אין א ק ו" ם.
(זע ד.תדהר אנציקלופדיה לחלוצי הישוב ובוניו זייט 4921)כרך 16.

מ.בן-ישי (גרינשפאן)

מאיר בן-ישי (גרינשפן) רמת-גן. הרא"ה 27 .ת.ד. 2290
========================טלפון 730660==================

רמת-גן, דעם 11טן יוני 1968

צום
יידישן ליטעראטן און זשורנאליסט
פאראיין
אין ישראל.

אין ענטפער אויף אייער אנקיעטע פון 7טן ה.מ.
לעג איך דערביי צו:
צוויי פאטאגראפיעס;
דעם אויסגעפילטן פראגע בויגן,
און צ ע ן פונט,
און בעט איך מיר צושיקן די נייע לעגי=
טימאציע.
איך שיק איך דערווייל נישט מער ווי
10 פונט, הגם לויט אייער חשבון קומט פון מיר 16 ל"י
נעמענדיק אין אכט, אז אלס פעססיאנער מיט א פענסיע,
וואס דערגרייכט נישט קיין 300 פונט בין איך נישט
אימשטאנד מיט אמאל איבערצושיקן די גאנצע סומע.
מיט דער צייט, ביי א צווייטער געלעגנהייט וועל איך
אייך אפשיקן די רעשט.

מיט חשובן גרוס:
אייער:
(מאיר בן-ישי)
גרינשפאן.